**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט קאָוויד-19 טעסטינג ביי MTA סאָבוועי סטאנציע פאַפּ-אָפּ וואקסינאציע פלעצער**

***ארייגעייער קאָוויד טעסטינג וועט זיין צוגעשטעלט ביי צוויי סאָבוועי סטאנציעס אנגעהויבן מאנטאג דעצעמבער 27 און וועט פארברייטערט ווערן אויף נאך פינף סאָבוועי סטאנציעס קומענדע וואך***

***פאַפּ-אָפּ פלעצער זענען א טייל פון אונטערנעמונג צו באקעמפן ווינטער אנפלייץ אין קאָוויד פעלער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז קאָוויד-19 טעסטינג וועט זיין צוגעשטעלט ביי פאַפּ-אָפּ וואקסינאציע פלעצער ביי מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט סאָבוועי סטאנציעס אנגעהויבן קומענדע וואך. דאס צייכנט אפ דאס ערשטע מאל וואס סטעיט-פינאנצירטע קאָוויד-19 טעסטינג ווערט דורכגעפירט ביי סאָבוועי סטאנציעס אין ניו יארק סיטי.

״מיר ארבעטן צו מאכן טעסטינג ברייט צוגענגליך און ווי גרינגער צו באקומען פאר יעדע ניו יארקער,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די נייע ארייגעייער טעסטינג געלעגנהייטן ביי אונזער MTA סאָבוועי סטאנציע וועלן באזארגן ברייטערע טעסטינג צוטריט און שטיצן אונזערע אונטערנעמונגען צו האלטן פארזיכערט זיך און אונזערע נאענטע און באליבטע דורכאויס דעם ווינטער אנפלייץ.״

די ארייגעייער PCR טעסטינג וועלן אנגעבאטן ווערן זיבן טעג א וואך אנגעהויבן מאנטאג, דעצעמבער 27, אין מאנהעטען ביי דעם טיימס סקווער - 42׳סטע סטריט סאָבוועי סטאנציע פון 8 אינדערפרי ביז 2 נאכמיטאג, און ביי גרענד צענטראל טערמינאל פון 3 נאכמיטאג ביז 8 אוונט. דאך וועט אבער טעסטינג נישט זיין צוגעשטעלט ביי די צוויי ערטער אום ׳ניו ייערס דעי׳.

טעסטינג ביי נאך פינף לאקאציעס לענגאויס ניו יארק וועט זיך אנהויבן קומענדע וואך. די טעג און צייטן פאר טעסטינג וועט ווערן אנאנסירט נאכדעם וואס זיי וועלן ענדגילטיג באשטימט ווערן.

דער סטעיט פינאנצירטע טעסט פראגראם שטעלט צו פאר סיי וועמען, אריינגערעכנט באזוכער צו ניו יארק, דער געלעגנהייט זיך צו לאזן טעסט׳ען אן אן אפוינטמענט.

אין מאי פון דעם יאר האט ניו יארק סטעיט אנגעהויבן א קאָוויד-19 וואקסינאציע פראגראם אין צוזאמענארבעט מיט MTA וואס האט צוגעשטעלט דעם איינציג-איינשפריץ דזשאנסאן און דזשאנסאן וואקסין ביי פאַפּ-אָפּ פלעצער אין פארשידענע סאָבוועי סטאנציעס. ביז היינט האבן זיך איבער 36,000 מענטשן וואקסינירט ביי די פלעצער.

די MTA׳ס פאַפּ-אָפּ וואקסינאציע פלעצער ביי טיימס סקווער - 42׳סטע סטריט און דזשעקסאן הייטס-רוזוועלט עוועניו / 74׳סטע סטריט טוען איצט אויך אנבאטן קאָוויד-19 וואקסין בוסטער-שאָטס, און דער

גרענד צענטראל טערמינאל וועט זיי אנבאטן אנגעהויבן מאנטאג, דעצעמבער 27. אינפארמאציע איבער בּוסטער-שאַטס ביי MTA פאַפּ-אָפּ וואקסינאציע פלעצער קען מען געפונען [דא.](#)

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך אויסשרייבן